**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול און אטארני דשענעראל דשעימס לאזן וויסן ניו יארקערס אויף נאנביפארטיזאן באמיאונגען צו באשיצן וועלונג רעכטן און פאבליק זיכערהייט דורכאויס 2024 עלעקשנס**

***פריע וועלונג האט זיך אנגעפאנגען שבת, אקטאבער 26 און גייט אן ביז זונטאג, נאוועמבער 3; פאלס עפענען זיך דינסטאג, נאוועמבער 5 פון 6 אזייגער צופרי ביז 9 אזייגער ביינאכט***

***מולטי-אגענטור ריסאורסעס איינגעשטעלט צו באקעמפן מיסאינפארמאציע; גרייט צו העלפן יעדע שטערונג צו וועלן***

***ניו יארקערס ווערן דערמאנט אז סטעיט און לאקאלע עלעקשן אפישלס זענען ניו יארקערס' געטרויטע קוועלער פאר פריע וועלונג און אנדערע וועלונג אינפארמאציע***

***וועלערס וואס האבן פראבלעמען ביי די פאלס זאלן זיך פארבינדן צו די אטארני דשענערל'ס עלעקשן באשיצונג האטליין דורך רופן 866-390-2992 אדער [ארייננגעבן א קלאגע אנליין]()***

***די גאווארנער האט אונטערגעשריבן א פאלק-פירנדע לעגיסלאציע צו באשיצן וועלונג רעכטן פאר ניו יארקערס***

גאווארנער קעטי האקול און אטארני דשענעראל לעטיטיא דשעימס האבן היינט געמאלדן איבער נאנביפארטיזאן באמיאונגען צו באשיצן וועלונג רעכטן און פאבליק זיכערהייט לענגאויס ניו יארק דורכאויס די 2024 עלעקשנס. די באמיאונגען נעמען אריין דורכאויס די סטעיט, מולטי-אגענטור ריסאורסעס צו באקעמפן מיסאינפארמאציע און זיין גרייט צו העלפן יעדע שטערונג צו וועלן. דאס פירט ווייטער די גאווארנער'ס און אטארני דשענערל'ס לאנג אנהאלטנדע איבערגעגעבנקייט צו אפהיטן די וועלונג רעכטן פון אלע ניו יארקערס.

"ווען ניו יארקערס וועלן , נעמען מיר יעדע נויטיגע שריט צו פארזיכערן די גערעכטיגקייט פון אונזער דעמאקראטישע פראצעדור אזוי אז יעדער קען לאזן זייער שטימע ווערן געהערט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "אין צוזאמענארבעט מיט אטארני דשענערעל דשעימס און גענעץ אינפארסירונג לענגאויס די סטעיט, האבן מיר אוועקגעשטעלט געצייג און באשיצונגען צו פארזיכערן די רעכטן פון אלע בירגער זאלן קענען אנטיילנעמען אין די עלעקשן - און מיר וועלן אלעמאל פארטיידיגן די רעכטן קען די וואס באדראען זיי."

**ניו יארק סטעיט אטארני דשענערעל לעטיטיא דשעימס האט געזאגט,** "ניו יארק האט א לאנגע היסטאריע פון פרייע און גערעכטע עלעקשנס, און דאס יאר איז נישט אנדערש. מיין אפיס גרייט זיך שוין פאר חדשים פאר א פארזיכערטע און גלאטיגע עלעקשן פראצעדור, און מיר וועלן ווייטער טון אלעס אין אונזער מעגליכקייט צו פארטיידיגן ניו יארקערס פונדאמענטאלע רעכט צו וועלן. איך בין דאנקבאר צו

גאווארנער האקול און אונזערע פארטנערס אין יעדע שטאפל פון רעגירונג און געזעץ אינפארסירונג וואס ארבעטן מיט מיין אפיס צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארקערס קען זייערע רעכטן און איז באשיצט ווען זיי וועלן אין די עלעקשן. אויב איר האט סיי וועלכע פראבלעמען ביי די פאלס אדער צו וועלן, ביטע פארבינדט זיך מיט מיין אפיס'ס עלעקשן באשיצונג האטליין."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישענע דשעקי בריי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס עלעקשנס זענען און וועלן בלייבן זיכער און פארזיכערט. יעדע ניו יארקער זאל ארויסקומען און וועלן צווישן יעצט און עלעקשן טאג. פאר דעטאלן וויאזוי צו וועלן אריינגערעכנט פאלינג לאקאציעס און די צייטן וואס די פאלינג פלעצער זענען אפן, ביטע פארבינדט זיך מיט די סטעיט באורד אוו עלעקשנס און אייער לאקאלע קאונטי באורד אוו עלעקשנס פאר גוטע, טרויבארע סאורסעס פון עלעקשן אינפארמאציע אדער באזוכט www.elections.ny.gov."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דזש. דזשעימס האט געזאגט,** "אין אמעריקע, איז וועלן איינס פון אונזער מערסט טייער-געהאלטענע רעכטן. די ניו יארק סטעיט פאליציי אנערקעאנט אז עס איז וויכטיג צו באשיצן די אפגעהיטנקייט און געררעכטיגקייט פון די פריווילעגיע. איך דאנק גאווארנער האקול און די אטארני דשענערעל'ס אפיס פאר זייער שטיצע אז מיר זאלן קענען פראאקטיוו באשיצן אונזער אינפראסטרוקטור און מאכן וועלן א זיכערע פראצעדור פאר אלע ניו יארקערס."

עלעקשן טאג וועט אפגעהאלטן ווערן דינסטא, נאוועמבער 5. פריע וועלונג האט זיך אנגעפאנגען שבת, אקטאבער 26 און גייט אן ביז זונטאג, נאוועמבער 3. וועלערס קענען טרעפן זייער פריהע וועלונג און עלעקשן טאג פאלינג לאקאציעס. אנליין.

די אפיס פון די אטארני דשענערעל (OAG)'s עלעקשן באשיצונג האטליין וועט זיין אוועילעבל צו רופן אין צייט פון א פראבלעם און אויפלעזן א רייע פון פראבלעמען אין וואס וועלערס פון שבת, אקטאבער 26 ביז מיטוואך, נאוועמבער 6, קענען זיך אנטרעפן. ניו יארקערס קענען זיך פארבינדן מיט די עלעקשן באשיצונג האטליין דורך אדער רופן 390-2992 (866) אדער אריינגעבן א קלאגע אנליין.

**באקעמפן מיסאינפארמאציע**
ניו יארק סטעיט עלעקשנס זענען אנגעפירט דורך ביפארטיזאן קאונטי באורד אדער סיטי באורדס פון עלעקשנס דורכאויס די סטעיט און געשטיצט דורך די ביפארטיסאן ניו יארק סטעיט באורד פון עלעקשנס. גאווארנאר האקול און אטארני דשענערעל דשעימס האבן היינט דעמאנט ניו יארקערס אז די סטעיט באורד פון עלעקשנס און די קאונטי באורדס פון עלעקשן דורכאויס די סטעיט זענען די בעסטע סאורסעס פאר פאקטישע און ריעל-טיים אינפארמאציע איבער עלעקשנס און וועלן אין ניו יארק סטעיט.

וועלערס זאלן זיין באוואוסטזיניג פון פאטענציאלע פאלשע אדער מיסלידינג עלעקשן-פארבינדענע אינהאלט וועלכע קען ווערן גענוצט צו שאפן צומישעניש און אומצוטרוי אין וועלונג סיסטעמען און פראצעדורן, ספעציעל ווען עס ווערט פארשפרייט אויף סאציאלע מידיא פלאטפארמעס. דאס קען זיין אין די פארם פון פאלשע בילדער געשאפן דורך AI, אדער פשוט נישט ריכטיגע אינפארמאציע וואס ווערט מיטגעטיילט דורך פריינט.

ניו יארקערס קענען באזוכן די ניו יארק סטעיט באורד אוו עלעקשנס אנליין צו טרעפן אינפארמאציע איבער וויאזוי און וואו צו וועלן, און צו לערנען מער אבער מאסנאמען וואס זענען גענומען געווארן צו באשיצן עלעקשן גלייכקייט. ניו יארקערס קענען אויך נאכפאלגן די ניו יארק סטעיט באורד פון עלעקשנס אויף X ‎@NYSBOE, פעיסבוק, אינסטעגרעם און יוטוב אוקענען טרעפן קאנטאקט אינפארמאציע פאר קונטי באורד אוו עלעקשנס לענגאויס ניו יארק סטעיט דורך די סטעיט באורד אוו עלעקשנס וועבזייטל.

אטארני דשענערעל דשעימס האט אויך ארויסגעלייגט א אנווייזונג וואס ווערט גערופן "באשיצן ניו יארקערס פון AI-געשאפענע עלעקשן מיסאינפארמאציע" צו העלפן באשיצן אנקעגן מיסאינפארמאציע וואס ווערט געשאפן דורך AI איבער די יעצטיגע עלעקשן.

סיי ווער עס האט פראגעס אדער זעט נישט-ריכטיגע עלעקשן אינפארמאציע ווערן צוטיילט זאל זיך פארבינדן מיט די ניו יארק סטעיט באורד פון עלעקשנס אויף info@elections.ny.gov אדער (518) 474-1953 אדער לאזט עס וויזן צו OAG'ס עלעקשן באשיצונג האטליין דורך רופן (866) 390-2992 אדער אריינגעבן א קלאגע אנליין.

**באשיצן עלעקשן אינפראסטרוקטור און פאבליק זיכערהייט**

גאווארנער האקול האט באצייכנט איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן א זיכערע און גלאטע עלעקשן פראצעדור. דאס איז ערמעגליכט דורך ארום-די-יאר פארטנערשאפט צווישן פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג אגענטורן איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז יעדע וועלער קען וועלן און עס האבן געציילט.

די מולטי-אגענטור צוזאמענארבעט וועט אנגיין דורך די 2024 אלגעמיינע עלעקשן, און ריסאורסעס וועלן זיין עוועילעבל צו העלפן אין א שנעלע, ארגאניזירטע אפרוף צו סיי וועלכע עלעקשן שטערונגען וואס קענען געשען. מערסט אפס, רעכענען אזעלכע שטערונגען אריין געשעעענישן אזוויאפגעהאקטע פאוער ליינס, שטערונגען צו אינטערנעט סערוויסעס און וועטער-פארבינדענע גאסן-פארמאכונגען.

ניו יארק סטעיט האט אויך שטארק אינוועסטירט צו מאדערניזירן און פארבעסערן די סטעיט'ס עלעקשן אינפראסטרוקטור אין לעצטע יארן. זייט 2019, האט די סטעיט באשטיצט מער ווי 140 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע געלטער צו שטיצן הויפט פראיעקט אזוויו די איינקויף פון געצייג און פארבעסערונגען פון זיכערהייט פראטאקאלן.

גאווארנער האקול דערמאנט אויך וועלערס אז אלע עלעקשן נאכט רעזולטאטן זענען נישט אפיציעל און עס וועט מעגליך נישט זיין א קלארע געווינער אין עטליכע פארמעסטן ביז אלע פאסט און אפידאוויט וועלונגען ווערן געציילט דורך ביפארטיזאן באורדס אוו עלעקשן ארום די סטעיט און די עלעקשן איז סערטיפייד. סטעיט אגענטורן אזוויו DHSES און NYSP וועלן צוזאמענארבעטן מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג פארטנערס אין די טעג נאך די עלעקשן צו פארזיכערן אז רואיגע עלעקשן-פארבינדענע פאבליק דעמאנסטראציעס קומען פאר אין א וועג וואס באשיצט ניו יארקערס' רעכט צו רעדן וואס מ'וויל בשעת'ן אנהאלטן פאבליק זיכערהייט.

**באשיצן וועלונג רעכטן**

גאווארנער האקול האט אונטערגעשריבן די היסטארישע דשאן ר. לואיס וועלונג רעכטן אקט פון ניו יארק - צווישן די פאלק'ס מערסט אויסגעברייטערטע סטעיט-שטאבל וועלונג רעכטן אקט. די לענדמארק געזעץ האט אוועקגענומען אפהאלטונגען צו האבן צוטריט צו די פאלס און פארזיכערט אז אלע בארעכטיגטע וועלערס האבן אן אייניגע געלעגנהייט צו וועלן אין די סטעיט פון ניו יארק. די געזעץ נעמט אריין הויפט פאסנאמען אפצוהאלטן וועלער אפהאלטונג און אינטימידירונג, אפרברייטערט עלעקשן-פארבינדענע הילף, און פארזיכערט גלייכע צוטריט צו די באלאט פאר אלע בארעכטיגטע וועלער.

דערצו, אין אוגוסט, אויף די 59סטע יארטאג פון די וואלן רעכטן אקט פון 1965, גאווערנער קעטי האקול האט אינטערגעשריבן א פעקל פון לעגיסלאציע צו פארשטערקערן וואלן באשיצונג און גרינגער מאכן פאר ווילער אפצוגעבן זייער שטים צעטלעך אין ניו יארק.

אטארני דשענערעל דשעיס האט אויך ארויסגעגעבן אנווייזונגען געצילט אפצוהאלטן וועלער אינטימידירונג און באשיצן וועלערס' רעכטן דורכאויס די 2024 עלעקשנס. סיי ווער עס זעט צו א מעגליכך געפערליכע וועלער אינטימידירונג זאל עס גלייך לאזן וויסן צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און OAG.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן